ביכער פאר אלע

№. 11

# אַנ׳עֵצָה

אַנ׳אֶמֶתֶע מַעֲשֶׂה וואָס איז כִּמְעַט שווער צו גלויבען ס׳זאָל זיין אַנ׳אֶמֶת.

ערצעהלט

פון שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם

---

פרייז 8 קאָפּ.

פֶערְלַאג „בִּיכֶער-פַאר-אַלֶע"

ווארשא דלוגא 26

דרוק י. עדעלשטיין עט קאָמפּ. נאלעווקי 38

# Ан'эйце

т. е.

# Совѣтъ

Разсказъ Шалемъ-Алейхема

Изданіе Бихер-фар-алэ, Варшава.

ВАРШАВА, 1905.

Тип. И. Эдельштейна и Ко., Налевки 38.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

303

# אַנ׳עֵצָה

אַנ׳אֶמֶתֶע מַעֲשֶׂה, וָואס אִיז כִּמְעַט שְׁוֶוער צוּ גְלוֹיבֶּען
סְ׳זָאל זַיין אַנ׳אֶמֶת.

פון שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם.

פֿערלאג „בִּיכֶער־פַאר־אַלֶע" ווארשא

ווארשא תרס״ה

דרוק י. עדעלשטיין עט קאָמפ. נאלעווקי 38.

# А Н'Э Й Ц Е

т. е.

# СОВѢТЪ.

Соч. Шалемъ-Алейхема.

Изданіе „**Бихеръ-фаръ-алэ**" Варшава Долгая 26.

ВАРШАВА, 1905.

Типографія И. Эдельштейна и Комп., Налевки 38.

Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/aneytseanemesema00shol

# אַנ׳ עֵצָה.

(אַנ׳אֶמֶת׳ע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז כִּמְעַט שְׁווער צוּ גְלֵייבֶּען סְ׳זָאל זַיין אַנ׳אֶמֶת).

פֿוּן

## שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם.

— שוֹין פֿוּן אַ טָאג דרײַ, אַז עֶס גֶעהט צוּ דִיר אַ יוּנגעֶר־מַאַן אַלֶע אִין דעֶר פֿרִיה אוּנ בַּײַטָאג אוּנ אוֹיפֿדעֶרנאַכֿט אוּנ טרעֶפֿט דִיך נִיט אִין דעֶרהײם. עֶר דאַרף דִיך, זָאגט עֶר, זעֶהר נײטִיג זעֶהעֶן!

אַזוֹי האָט מעֶן מִיר אָנגעֶזאָגט אַ בְּשׂוּרָה בִּשְׁעַת אִיך בִּין געֶקוּמעֶן אײן מאָל צוּ פֿאָהרעֶן פֿוּן וועֶג אַ הײם.

— מִסְתָּמָא אַ מְחַבֵּר מִיט אַ „וועֶרק"! — אַזוֹי האָב אִיך מִיר געֶטראַכֿט אוּנ האָב מִיך אַוועֶקגעֶזעֶצט צוּם טִיש אוּנ נאָר געֶנוּמעֶן זִיך צוּ דעֶר אַרבײט — אַהאַ, מעֶ קלִינגט שוֹין! עֶס עֶפֿעֶנט זִיך דִי טהִיר אוּנ עֶמִיצעֶר דאָרטעֶן פּאָרקעֶט זִיך, טהוּט אוֹיס דִי קאַלאָשעֶן, הוּסט, שנײַצט דִי נאָז — אַלֶע סִימָנִים פֿוּן אַ מְחַבֵּר, אִיך וואָלט שוֹין וועֶלעֶן זעֶהעֶן דעֶם פּאַרשוֹין! גאָט האָט געֶהאָלפֿעֶן עֶר אִיז אַרײַן, אָפּגעֶמאַכֿט צוּ מִיר אַ גאַנץ פֿײַנעֶם „בּאִי בְּשָׁלוֹם", דאָס הײסט אָפּגעֶטראָטעֶן אוֹיף אַ פּאָר טרִיט צוּרִיק, געֶמאַכֿט אַ מִין רעֶווערַאַנס, געֶרִיבּעֶן בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה אַ האַנד אָן אַ האַנד, האָט עֶר זִיך מִיר פֿאָרגעֶשטעֶלט

און אָנגעווּפּען אַ נאָמען פון דער הַגָדָה, איינע פון די נעמען, וואָס אָט האָט איהר דאָס געהערט און אָט האָט איהר דאָס פאַרגעסען, אַוועקגעפלויגען.

— זיצט! מיט וואָס קאָן איך אייך דיענען?

— איך בין געקומען צו אייך מְכֹּחַ זעהר אַ נייטיגע זאַך, דאָס הייסט, פאַר מיר איז די זאַך נייטיג, זעהר נייטיג, מַמָשׁ קאָן מען זאָגען נוֹגֵעַ אין לעבען אַריין, און נאָר איהר, אַזוי מיין איך, וועט דאָס פערשטעהן, איהר שרייבט אַזוי פיעל, אַז איך מיין אַז איהר בעדאַרפט וויסען אַלסדינג און איהר בעדאַרפט זיין אַ מֵבִין אויף אַלסדינג. אַזוי מיין איך, דאָס הייסט ניט איך מיין, נאָר איך בין איבערצייגט אַז ס'איז אַזוי.

איך בעטראַכט מיין פאַרשוין: אַ טיפּ פון אַ קליינשטעד־טעלדיגען מַשְׂכִּיל, אַ מְחַבֵּר; אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פָּנִים מיט גרויסע שוואַרצע רַחֲמָנוֹת-אויגען, דאָס הייסט אַזעלכע אויגען, וואָס בעטען זיך: „האָט רַחֲמָנוֹת אויף איין עלענדע, אַ פאַרבלאָנזשעטע נְשָׁמָה". איך האָב נישט ליעב אַזעלכע אויגען; פאַר אַזעלכע אויגען האָב איך מוֹרָא: קיין מאָל לאַזען זיי ניט, טהוען ניט קיין שמייכעל, שטענדיג פערטיפט אין זיך —. איך האָב פיינט אַזעלכע אויגען.

— אַ נו וויזט, וואָס האָט איהר דאַרטען? — מאַך איך צו איהם, לעג אַוועק די פען, שפאַר מיך אָן אויפ'ן בייגקיל און וואַרט, אַז אָט באַלד נעמט ער זיך צום בוזעם און שלעפּט אַרויס אַ היבש פעקיל כְּתָבִים, געוויס אַ ראָמאַן אין דריי טהיילען, לאַנג ווי דער יידישער גָלוּת, אָדער אַ דראַמע אין 4 אַקטען, וואָס די פאַרשוינען הייסען: מערדערזאָהן, עהרליכמאַן, פרומהאַרץ, ביטערצוויג, וּכְדוֹמֶה אַזעלכע נעמען, וואָס פון זיי אַליין זעהט איהר שוין אַרויס מיט וועמען איהר האָט צוטהון... און אֶפְשָׁר איז דאָס גאָר נייע ליעדער פון ז׳ין:

„אַהין אויף די בערג טהוט איהם ציהען,
„דאָרט וואו דער אָדלער טהוט פליהען,
„דאָרט וואו דער אַלבערט טהוט בליהען,
„דאָרט וואו די נביאים האָבען געטהון ריהען,
„אונ פאַר גאָט געטהון קניהען...

מיר זענען קענטליך די דאָזיגע ליעדלעך, די דאָזיגע גראַמען, וואָס קריכען פונ'ם האַלז, שטעכערירען אין די אויגען, זשעמען אין די אויהרען אונ לאָזען איבער אין האַרצען נאָך זיך אַ ווילדע פוסטקייט, אַ מאָדנע וויסטעניש אויף דער נְשָׁמָה.

שטעלט אייך אָבער פאָר, אינצטיגעס מאָל האָב איך דַוְקָא ניט געטראָפען: דער יונגערמאַן האָט זיך ניט גענומען צו דער בוזעם-קעשענע, ניט אַרויסגעשלעפט קיין פעקיל כְּתָבִים, ניט אין זינען געהאַט אֲפִילוּ לייענען מיר אַ ראָמאַן, אַ דראַמע אָדער נייע ליעדער פון ציון. ער האָט נאָר צורעכט געמאַכט דעם קאָלנער פון העמד, אויסגעהוסט זיך פריהער אונ אַ זאָג געטהון צו מיר:

— איך בין געקומען צו אייך אַהער הייסט דאָס נישט מעהר ווי אויסדערצעהלען אייך מיין ביטער האַרץ אונ זיך איין עֵצָה האַלטען מיט אייך. אַזאַ מענטש ווי איהר בעדאַרף מיך פאַרשטעהן, איהר שרייבט אַזוי פיעל, אַז איהר מוזט וויסען אַלסדינג אונ נאָר איהר קאָנט מיר געבען די רעכטע עֵצָה, אונ גלויבט מיר, וואָס איהר וועט מיר זאָגען, דאָס וועל איך טהון. איך גיב אייך מיין עהרען וואָרט! האָט קיין פאַר-איבעל ניט, אֶפְשֶׁר נעם איך צו ביי אייך צייט?

— גִישְׁקָשֶׁה, עס מאַכט ניט אויס, דערצעהלט, דער-צעהלט! — מאַך איך צו איהם אונ פיהל, ווי אַ שטיין איז מיר אַראָב פונ'ם האַרצען, אונ דער יונגערמאַן רוקט זיך צום טיש

און הויבּט אָן צו דערצעהלען זײַן בּיטער הארץ פריהער פּאַוואָלינקע, געלאַסען, און וואָס ווײַטער מיט אַלץ מעהר היטץ:

* *

*

— אַלײן בּין איך, דאַרפט איהר וויסען, אַ יונגערמאַן, ווי איהר זעהט מיך, פון אַ קלײן שטעדטיל, דאָס הײסט דאָס שטעדטיל איז גאָר ניט אַזאַ קלײן שטעדטיל און דַוְקָא אַ היבּש שטעדטיל, אַ שטאָדט קאָן מען זאָגען, נאָר געגען אַייער שטאָדט הײסט דאָס אַ שטעדטיל. דאָס דאָזיגע שטעדטיל, אַזוי מײן איך, קענט איהר דַוְקָא זעהר גוט, נאָר איך וויל דאָס אײַך ניט פוֹרֵשׁ בִּשְׁמוֹ זײַן, מַחֲמַת אַ קַשְׁיָא אויף אײַך, איהר קאָנט דאָס נאָך בּאַשרײַבּען, פּאַסט דאָס מיר ניט איבּער אַ סַך טַעֲמִים... מיט וואָס איך פאַרנעם זיך ווילט איהר וויסען? הם... איך פאַרנעם זיך... הײסט דאָס טהוען טהו איך לְעֵת עַתָּה גאָרנישט ניט, זיץ נאָך הײסט דאָס אויף קעסט בּײַ שווער און שוויגער, דאָס הײסט, ניט אויף קעסט נאָר אינאײנעם זיצען מיר, אויף אַלעם גרײטען, מַחֲמַת זי איז, דאַרפט איהר וויסען, אַ בַּת יְחִידָה, אַ אײן-און-אײנציגע הײסט דאָס, מעהר נישטאָ בּײַ זײ קינדער, אַחוּץ די אײנע טאָכטער, און זײ קענען נִישְׁקָשֶׁה בּאַשטעהן אונז אויסהאַלטען נאָך צעהען יאָהר, מַחֲמַת זײ זענען, דאַרפט איהר וויסען, פאַרמעגליכע לײַט, מע קאָן אויף זײ זאָגען נְגִידִים, און ווערליג בּײַ אונז הײסען זײ גרויסע נְגִידִים, גְבִירִים אַדִירִים, וואָרום רײַכער פון זײ איז שוין בּײַ אונז נישטאָ, מײַן שווער בּעדאַרפט איהר געוויס קענען, אַזוי מײן איך, איך וויל אײַך ניט פוֹרֵשׁ בִּשְׁמוֹ זײַן, סע פּאַסט נישט, ער איז אַ ייד, דאַרפט איהר וויסען, וואָס האָט ליעב זיך לאָזען הערען אויף דער וועלט, מע זאָל איהם

קענֶען, לְמָשָׁל אויף בּאָבּרויסקער נִשְׂרָפִים האָט ער געגעבּען די שענסטע נְדָבָה, אויף קעשענעווו האָט ער געשענקט מעהר פֿון אַלעמען; אין שטאָדט גוּפָא בּיי אונז גיט ער אֲפִילוּ ווינציג וואָס, נאָר אין דער פֿרעמד האָט ער ליעב זיך אויסשטעלען פֿיין, אַלע זאָלען וויסען; ער איז, פֿערשטעהט איהר מיך, גאָר קיין נאַר נישט. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָ, אין שטאָדט, האָט מען סיי וְסיי פֿאַר איהם דֶרֶךְ־אֶרֶץ, פֿאַר וועמען בּעדאַרף ער זיך דאָ אויספּייַנען? איז ער זיך מְיַשֵׁב אונ שטעלט זיי נאָר אַ פֿייג, ער איז אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי ער קאָן ניט געבּען, ער זאָגט אַליין אַז ער קאָן ניט געבּען, אַז מע קומט צו איהם נאָך אַ נְדָבָה, ווערד ער טוידט אונ זאָגט: „שוין? איהר זענט שוין געקומען נעמען? נאַטס אייך די שליסלען אונ געהטס אייך אַליין צו דער שאַפֿע אונ נעמטס אייך וויפֿיעל איהר דאַרפֿט"... מיינט איהר דאָך מְסְתָּמָא אַז אָט נעמט ער אַרויס די שליסעלען? האָט איהר בּמְחִילָה אַ טָעוּת! די שליסעלען פֿון דער שאַפֿע ליגען בּיי איהם סַךְ־הַכֹּל פֿאַרשלאָסען אין אַ טישקעסטיל, אונ אַ חוּץ דעם ליגט דאָס שליסעלע פֿון טישקעסטיל אויך ערגיץ בּאַגראָבּען. אָט אַזאַ מענש איז ער, דער שוועהר מיינער. אונ וואָס זאָלט איהר קלערען? אַוַדַאי ווי דער מענטש פֿערדינט, אַזאַ נאָמען האָט ער. צווישען אונז ריידענדיג, הייסט ער טאַקי בּיי אינז אין שטעדטיל דער דָבָר אַחֵר... געוויינטליך אונטער די אויגען, אין די אויגען חַנְפֶה'ט מען איהם אַזוי, אַז סע שלאָגט צום האַרצען, אונ ער איז זיך מְיַשֵׁב אונ נעמט דאָס אָן דַוְקָא פֿאַר גוט געלד, גלעט זיך דאָס בּייכעל, אונ לעבּט זיך אָב אַ גוטען טאָג, סטייטש געלעבּט! לעבּען צו לעבּען איז ניט גלייך; בּאַרעכענט אייך נאָר אַליין, אַ מענטש טהוט נישט קיין האַנד אין קאַלט וואַסער; שען געזעסען, פֿיין געגעסען, גוט גע-

שלאָפֿען, וואָס ווילט איהר נאָך? נאָכ'ן שלאָפֿען הײסט מען אײַנשפּאַנען דאָס פֿאַיעטאָנדעל און מען פֿאָהרט אַרויס אַביסעל אויפ'ן שפּאַציר איבער דער בלאָטע, און קומט פֿאַרנאַכט געהט מען זיך צענויף מעגטשען פֿון שטאָדט, דער מיט אַזאַ מין פּזמון, דער מיט אַזאַ מין רכילות, אַ נעכטיגען טאָג, און מע באַרעדט די גאַנצע שטאָדט און מע לצֵוועט אָב פֿון דער גאַנצער וועלט; נאָכדעם דערלאַנגט מען דעם גרויסען סאַמאָוואַר און מען זעצט זיך אַוועק מיט שמואל־אַבּא דעם שוחט שפּיעלען אין דאָמינעס. שמואל־אַבּא דער שוחט, דאַרפֿט איהר וויסען, איז אַ יונגערמאַן טאַקי מיט פּאה'לעך, נאָר אַ הײנטוועלטיגער שוין, מיט אַ ווײַסען קאָלנער, מיט אויסגעפּוצטע שטיוועלעך און אַנטלויפֿט ניט פֿאַר קײן יונגע ווײַבלעך, און האָט אַ פֿײן העלזעל קאָן שען זינגען, און שרײַבּט אויס אַ „בלאַט", און שפּיעלט זעהר גוט אין שאָך און אין דאָמינעס, און אַז זײ זעצען זיך שפּיעלען אין דאָמינעס קאָנען זײ אַוועק שפּיעלען אָט אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, און דו זיצט און קוקט און געניצט, דאָס מויל ווערד שיער ניט צעריסען. נעם זשע, דו שוטה, שטעה אויף און געה דיר אַוועק צו זיך אין חדר'ל און זעץ זיך איבער אַ בוך צי איבער אַ בלאַט־צײַטונג? איז נײן! פֿאַר וואָס? סע פּאַסט ניט: סע זיצט אַ פֿרעמדער מענש, ווי אַזוי הויבּט מען זיך אויף און מע נעמט און מע געהט אַוועק אין מיטען דרינען? פֿאַר אַזאַ מעשׂה דאַרפֿט איהר וויסען ווערט דער שווער ברוגז, דאָס הײסט, זאָגען זאָגט ער גאָר ניט, נאָר ער בלאָזט זיך אָן ווי אײן אינדיק און ענטפֿערט ניט, חאָטש רעד צו איהם צוזעצטערהײד, און אויף איהם קוקענדיג אויך די שוויגער! און ווי באַלד שווערר און שוויגער זענען ניט שָׂוֶה בְּשָׁוֶה מיט'ן אײדעם, קוקט שוין זי אויך, צו אַלדע שוואַרצע יאָהר — פֿאָרט אַ בַּת־יְחִידָה, אײן־און־אײנציגע בײ־טאַטע־

מאַמע, וואָס זײ זענען, זאָגט זי, בײַ איהר דאָס חיות מיט דער נשמה, אונ זי בײַ זײ דאָס אויג אין קאָפּ, מיט סכּנות נפשות, אַזוי אַז טאָמער מאַכט זיך זי ווערט עפּיס נישט מיט אַלעמען, איז באַלד דער דאָקטאָר, באַלד קעהרט זיך איבער די וועלט! נו, איז שוין עפּיס אַ חדוש, וואָס אַזאַ נפש ווי זי נעהמט זיך איבער אונ מײנט אַז די גאַנצע וועלט איז בעשאַפען געוואָרען נאָר פון איהרעטוועגען? אונ דערצו דאַרפט איהר וויסען איז זי נאָך נישט איבעריג קלוג אויך, דאָס הײסט, אַזוי אפילו אַז איהר וועט מיט איהר רעדען איז זי, דאַכט זיך, ניט קײן נאַר, גאָר קײן נאַר ניט, מע קאָן זאָגען אַ קלוגע, אַ גאַנץ קלוגע אַ חריפה, אַ מאַנסבילשער קאָפּ אויף איהר! נאָר וואָס דען? אַט דאָס וואָס זי איז צעבאַלעוועט, צעפּעסטעט, אַ ווילדע ציג, טאָג ווי נאַכט אָדער חאַ-חאַ-חאַ, אָדער גאָר אַ וואָרף געטהון זיך אין בעט אַרײַן אונ צעװײנט זיך ווי אַ קלײן קינד. „וואָס איז דיר? וואָס פעהלט דיר? וואָס ווײנסט דו? וואָס ווילסט דו?" — ענטפערט די וואַנט? מילא, וואָלט דאָס נאָך אויך געוועזען אַ האַלבע צרה, אַ ווײַב אַז זי ווײנט, ווײנט זי אַזוי לאַנג ביז זי ווײנט זיך איבער! איז אָבער דער חסרון די שוויגער! ווערט געוואָהר די שוויגער, קומט זי צו-לויפען אין אײן אומפּעט מיט׳ן טערקישען שאַל אויף די פּלײצים, ברעכט די הענד אונ לײענט מיט אַ נוסח פון תחינות, אונ אַ קול האָט זי דאַרפט איהר וויסען פון אַ מאַנס-ביל: „וואָס איז דיר, טאָכטער לעב? ווידער ער? אָט דער רוצח, דער גזלן, דער מערדער? ווינד איז מיר! וואָס אַרט דאָס איהם אַ שטײנער, וואָס איך האָב נאָר אײן אויג אין שטערען? דער בויך האָט איהם ווע געטהון? צו ער האָט בלוט פאַרגאָסען?" שיט, שיט מיט רעד ווי פון אַ זאַק! עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זי וועט אײביג אַזוי שיטען קײן מאָל

נִיט אוֹיפְהֶערֶען, אוּנ עֶס זִינְגֶעט מִיךְ בַּיַם הַארצֶען, עֶס נַאגְט דִי נְשָׁמָה, אוּנ עֶס נֶעמְט מִיךְ אָן אַ חֵשֶׁק נֶעמֶען אִיהר טֶערקִישֶׁען שַׁאל, צֶעקְנֵייטְשֶׁען מִיט דִי הֶענד, צֶעטרֶעטֶען מִיט דִי פִּיס אוּנ צֶערַייסֶען אוֹיף שְׁטִיק-שְׁטִיקְלֶעךְ! חָאטְשׁ אַיינְגֶענְטלִיךְ, אַז מֶע ווִיל שְׁמוּעֶסֶען צוּרִיק, וואָס הָאבּ אִיךְ צוּ אִיהר שַׁאל? אַ שַׁאל ווִי אַלֶע טֶערקִישֶׁע שַׁאלֶען, וואָס מֶע בְּרַיינְגְט זֵיי צוּ פִיהרֶען פוּן בְּרָאד, אַייךְ בֶּעדַארף זַיין בַּאַקֶענְט דִי דָאזִיגֶע טֶערקִישֶׁע שַׁאלֶען: גֶעמָאלְטֶע, מִיט רוֹיטֶע, גֶעלֶע, גְרִינֶע, ווַייסֶע, שְׁווַארצֶע קֶעסְטֶעלֶעךְ, מִיט שְׁפְּרֵיינְקֶעלִיךְ בַּאַשְׁפְּרֵיינְקֶעלְט אוּנ מִיט פְרֶענְזֶעלֶעךְ בַּאַפְרֶענְזֶעלְט...

— זַייט-זֶשֶׁע מוֹחֵל, יוּנְגֶערְמַאן! — הַאק אִיךְ אִיהם אִיבֶּער סַאמֶע אִין מִיטֶען — דַאכְט זִיךְ, אִיהר הָאט גֶעזָאגְט אִיהר ווִילְט זִיךְ עֶפִּיס אַנ'עֵצָה הַאלְטֶען מִיט מִיר מִכֹּחַ אַנ'עִנְיָן?...

— הָאט קֵיין פַארִיבֶּעל נִיט — מַאכְט עֶר אוּנ חַאפְּט אִיבֶּער דֶעם אָטֶעם, — אֶפְשַׁר נֶעם אִיךְ צוּ בַּיי אַייךְ צַייט? נָאר דָאס אִיז נֵייטִיג גֶעווֶען, פַארְשְׁטֶעהְט אִיהר מִיךְ, טַאקִי צוּם עִנְיָן, אִיהר זָאלְט ווֶערֶען אַבִּיסֶעל בַּאַקֶענְט מִיט דֶער שְׁטוּבּ אוּנ מִיט דִי מֶענְטשֶׁען, אוּנ אַז אִיהר ווֶעט ווֶערֶען בַּאַקֶענְט מִיט דֶער שְׁטוּבּ אוּנ מִיט דִי מֶענְטשֶׁען, ווֶעט אִיהר עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט פַארְשְׁטֶעהְן דִי לַאגֶע מַיינֶע... אִיז ווִי בַּאלד זִי ווֶערְט חָלִילָה נִישְׁט מִיט אַלֶעמֶען, מַיינֶע הַייסְט דָאס, הוֹיבְּט אָן דִי שְׁווִיגֶער ווָארְטְשֶׁען, אוּנ דֶער שְׁווֶעהר הֵייסְט אַיינְשְׁפַּאנֶען דָאס פַאיֶעטָאנְדֶעל אוּנ שִׁיקְט אַווֶעק נָאכ'ן דָאקְטָאר, נָאכ'ן „נַייעֶם דָאקְטָאר", אַזוֹי טַאקִי רוּפְט מֶען אִיהם בַּיי אוּנְז „דֶער נַייעֶר דָאקְטָאר" — אִיךְ ווִיל אַייךְ נִיט פוֹרֵשׁ בִּשְׁמוֹ זַיין, חַאפְּט אִיהם דֶער ווַאטֶענְמַאכֶער! — אוּנ אָט אַדְרָא הוֹיבְּט זִיךְ עֶרְשְׁט אָן דִי רֶעכְטֶע חֲתוּנָה, וואָס ווֶעגֶען דֶעם טַאקִי הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעווָאלְט דֶערְצֶעהלֶען אוּנ זִיךְ מִיט אַייךְ אַנ'עֵצָה הַאלְטֶען.

מײַן פּאַרשוין שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט, ווישט זיך אויס דאָס פאַרשוויצטע פָּנים, רוקט זיך צו צו מיר מיט׳ן בײַנקעל אַ ביסעל נעהנטער און גרייט זיך צו דערצעהלען ווײַטער, נעמט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה אין האַנד אַרײַן אַ זאַך אויף צו האַלטען, מַחֲמַת ס׳איז פאַרהאַן מענטשען, וואָס אַז זיי רעדען מוזען זיי עפּיס האַלטען אין דער האַנד, אַנדערש קאָנען זיי ניט דערצעהלען קיין מַעֲשֶׂה; בײַ מיר אויפ׳ן שרײַב-טיש שטעהען אויסגעשטעלט פערשידענע זאַכלעך, ראַריטעטען, צאַצקעס און צווישען זיי אויך אַ קליין וועלאָסיפּעדעל, אַ ציגאַרענשנײַדער. דאָס דאָזיגע וועלאָסיפּעדל האָט אַזוי נוֹשֵׂא חֵן געוועזען בײַם עוֹלָם, אַז איטליכער ווער עס קומט אַרײַן צו מיר, איז קוֹדֶם-כֹּל נעמט ער זיך צום וועלאָסיפּעדעל. אויך דעם דאָזיגען פאַרשוין מײַנעם איז דאָס וועלאָסיפּעדעל אַ פָּנים שטאַרק געפעלען; פריהער האָט ער דאָס בְּשַׁעַת דער-צעהלען בעטראַכט, נאָכדעם גענומען אין האַנד, נאָכדעם געפּרובט דרעהען די רעדעלעך, הַכְּלַל ער האָט דאָס וועלאָ-סיפּעדעל שוין מעהר פון די הענד ניט אַרויסגעלאָזט, און אַזוי האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען ווײַטער:

— אַלזאָ „דער נײַער דאָקטאָר". דאָקטוירים דאַרפט איהר וויסען איז פאַרהאַן בײַ אונז אין שטעדטיל אַזוי ווי די הינט; פאַרהאַן דאָקטוירים קריסטען און פאַרהאַן יידישע דאָקטוירים און דאָקטוירימלעך, פאַרהאַן אויך דאָקטוירים ציוניסטען, דאָס הייסט אַזעלכע ויאָס פאַרנעמען זיך מיט ציוניזם; נאָר דער דאָקטאָר, וואָס איך דערצעהל אײַך, איז נאָך גאָר אַ יונגער דאָקטאָר, טאַקי אַ היימישער, אַ שנײַדערס אַ זוהן, דאָס הייסט, דער פאָטער זײַנער איז געוועזען אַ מאָל אַ שנײַדער — הײַנט איז ער שוין אויס שנײַדער, וואָרום ווי שטעהט איהם אָן זײַן אַ שנײַדער, אַז ער האָט אַ זוהן

אַ דאָקטאָר? מײַן איך פֿאַרקערט, ווי שטעהט אָן דעם זוהן דעם דאָקטאָר צו האָבען אַ טאַטען אַ שנײַדער און נאָך אַזאַ מין שנײַדער, וואָס איז צווישען שנײַדער אַ שנײַדער? דהַיְינוּ: אַלײן איז דאָס אַ ייִדיל, דאַרפֿט איהר וויסען, אַ קלײנס מיט אַ וואַטאָווע קאַפּאָטע און מיט אַ קאַסאָקע אײַנגעל און מיט אַן'איינגעבױגענעם פֿינגער, און אַ קול האָט דאָס ווי אַ גרײַגער, און סע געהט אַרום טאָג ווי נאַכט און סע גרײַגערט: „מײַן דאָקטאָר האָט דאָס נעבעטען געהאַט אַ פּראַקטיקע, אַי אַ פּראַקטיקע! מײַן דאָקטאָר אַז ער וויל קען ער! מײַן דאָקטאָר!" ער פֿאַר הײַקט איטליכען בעזונדער דעם קאָפּ מיט זײַן דאָקטאָר! און דערצו איז נאָך דער דאָקטאָר, צו די צָרות, דאַרפֿט איהר וויסען, אַ ווײַבערשער דאָקטאָר, דאָס הײַסט אַן'אַקושאָר, איז וואו ערגיץ אַ סוד פּויקט ער אויס דער קאַסאָקע שנײַדער איבער דער גאַנצער שטאָדט, — אַז אָך און ווער איז שוין יענעם ווײַבעל אָדער יענעם מײדיל וואָס פֿאַלט אַרײַן צום דאָזיגען דאָקטאָר אין די הענד, און צו זײַן פֿאָטער דעם שנײַדער אין מויל אַרײַן... עס האָט זיך אַנומעלטען געטראָפֿען בײַ אונז אַ מַעֲשֶׂה, אַ מײדיל איז געווען בײַ אונז...

— זײַט זשע מוחֵל, יונגער-מאַן — האַק איך איהם איבער נאָך אַמאָל אין מיטען די רעד — דאַכט זיך, איהר האָט געוואָלט מיט מיר זיך עפּיס אַן'עֵצָה האַלטען?

— האָט קײן פֿאַראיבעל ניט, אֶפְשַׁר נעם איך צו בײַ אײַך צײַט? נאָר איך האָב אײַך אָנגעהויבען מיט'ן דאָקטאָר, ווײַל ער איז אינגאַנצען דער מַלְאַךְ הַמָּוֶת טאַקי! ווען ניט ער, וואָלט דאָך מיר געווען גוט ווי די וועלט, וואָרום וואָס פֿעהלט מיר, איך בעט אײַך? אַז אַ ווײַבעל האָב איך, דאַרפֿט איהר וויסען, אַ פּאַרשוין, אַ יְפַת תּוֹאַר קאָן מען זאָגען, און קײן

קינדער, דאַרפט איהר וויסען, האָבען מיר נאָך ניט, אונ אַ בַּת
יְהִידָה איז זי, איין=אונ איינציגע, איבער הונדערט צוואַנציג
יאָהר איז דאָס אינגאַצען איהרס, מײַנס הײסט דאָס, אונ כָּבוֹד
האָב איך אויך ניט צו פֿאַרזינדיגען, וועדליג אַ נגיד'ס אַנ'=
אײדעם, ניט זשעדנע, דאַנקען גאָט, ניט קײן אויבען אָן,
ניט קײן מַפְטִיר שַׁבָּת אונ יום-טוב, ניט קײן כּבוד אַז סע
מאַכט זיך ערגיץ אַ בְּרִית, אויך מיט'ן אֶתְרוֹג צו די הוֹשַׁעְנָא'ס
בין איך דער ערשטער נאָכ'ן שווער: פֿריהער דער חַזָן גע=
ווײנטליך, נאָכדעם דער רָב, נאָכדעם דער שווער, נאָכדעם
איך, נאָכדעם ערשט דער איבעריגער עולָם. אונ אַפִילוּ אין
מֶרחָץ לְהַבְדִיל אַז איך טהו מיך אויס אונ קום אַריין, מאַכט
דער בעדער אַ טאַרעראַם: „לאָזט נאָר, ידען מאַכט אַ וואַרע,
דעם נָגידס אײדעם געהט!“ איך שווער אײַך בֶּאֱמָנוּת,
אַז סע איז מיר פריקרע, איך האָב עס פֿײַנט, שַׁייך
זאָגען פֿײַנט? חֲנוּפָה האָט איטליכער ליעב אונ פֿון כָּבוֹד
זאָגט זיך קײנער נישט אָפּ'עט, נאָר וואָס דען? ס'איז שוין
צופֿיעל, ובִפְרָט אַז איך ווייס אַז איך האָב עס כְּלַל נישט פֿאַר
דיענט, וואָס איז? בַּאֲשֶׁר דער שווער איז אַ נָגיד? לאָזען זײ
איהם חַנְפֶה'נען, לאָזען זײ איהם לעקען, זײַט מיר מוֹחֵל,
צעזעצטערהײד, וואָס קעהר זיך דאָס אָן מיט מיר? ווילדע
מענטשען, זאָג איך אײַך, נאָך גאָר ווילדע מענטשען, אונ איך
באַדאַרף זיצען מיט זײ ווי אין געפֿײנקעניש, וואָרום צענויפ=
געהן זיך מיט אַבי ווען לאָזט מען מיך ניט, ווי פּאַסט דאָס
פֿאַר'ן נָגידס אײדעם? רעדען מיט'ן שווער, איז גיטאָ מיט
וועמען, ער איז, דאַרפֿט איהר וויסען, אַ פּראָסטער נֶפֶש,
זעהר אַ פּראָסטער נֶפֶש, אַ גרויסער עַם-הָאָרֶץ, זאָל ער מיר
מוֹחֵל זײַן, ווי ער הערט ניט, אַזוי זאָל איהם ניט שאַדטען,
אונ זי, אַ ווילדע ציג אַ בַּת-יְחִידָה, ווי איך האָב אײַך געזאָגט,

אָט לאַכֿט זי אונ אָט וויינט זי, אָט איז חאַ־האַ־חאַ, אונ אָט טהוט זי זיך אַ וואָרף אין בעט אַריין אונ מע שיקט נאָכֿ׳ן נייעם דאָקטאָר — אונ דער נייער דאָקטאָר, פֿאַרחאַפּט זאָל ער ווערען! דערמאָן איך זיך אָהן איהם, ווערט מיר נִמְאָס וּמָאוּס דאָס לעבען מיינס! איהר מעגט מיר זיכֿער גלויבען, סע מאַכֿט זיך אַמאָל אַ צייט, אַז סע ווילט זיך מיר אָדער חאַפּען אַ מעסער אונ שטעכֿען זיך, אָדער אַוועקלויפֿען צום טייך אונ טרינקען זיך, אַזוי ווייט איז מיר נִמְאָס דער דאָזיגער דאָקטאָר.

אונ דער יונגערמאַן פֿאַרטראַכֿט זיך, ווערד טרויעריג.

— וואָס זשע, איהר זעגט זי, הייסט דאָס, חוֹשֵׁך? —

זאָג איך צום יונגענמאַן, אונ היט זיך מיט אַנ׳איבעריג וואָרט.

— חַס וְשָׁלוֹם! — מאַכֿט ער צו מיר, אונ חאַפּט זיך אויף ווי אַנ׳אָפּגעבריהטער אונ רוקט זיך צו צו מיר נאָך נעהנטער — וואָס איז שַׁייך זאָגען איך בין זי חוֹשֵׁד? אַ יידישע טאָכֿטער! אַ כָּשֵׁר קינד... איך רעד פֿון איהם, רעד איך, פֿון שענעם דאָקטאָר, ברענען זאָל ער. אונ ניט אַזוי נאָך דער דאָקטאָר, ווי דאָס שענע פֿאָטעריל זיינס, דאָס קאַסאָקע שניידעריל מיט דער וואַטאָווע קאַפּאָטע, פֿאַרשׂרפֿהט זאָל ער ווערען! ער געהט אַרום טאָג ווי נאַכֿט אונ גרייגערט אונ פּויקט איבער דער גאַנצער שטאָדט. איהר מיינט דאָס גרייגערען האָט עפּיס אַ מַמָשׁוּת? בלאָטע, גאָלע גאָר נישט, עס האָט אַ צונג אונ סע רעדט!! עס וואָלט מיך געאַרט, מאָלט איינך, ווי דער פֿאַר יאָהריגע, שנײַ, איז אָבער דער חִסָרוֹן, וואָס אַ מענטש האָט אויהרען אונ אויהרען האָבען ליעב האָרכֿען, אונ אַז מע האָרכֿט זיך גוט צו, דערהערט מען אַזעלכֿעס, וואָס מען וואָלט דאָס ניט געוואָלט האָרכֿען, וּבִפְרַט נאָך ביי אונז אין שטאָדט. אַ שטאָדט, דאַרפֿט איהר וויסען, פֿון גאָלע רְכִילוּת׳ניקעס מיט לָשׁוֹן־הָרָע׳ניקעס

מִיט לאַנגעֶ צִינגעֶר, וואָס האָבעֶן אַ שֵׁם אוֹיף דעֶר וועֶלט! גנעֶמט מעֶן אריַין בּיַי אוּנז אַ מעֶנטשעֶן אִין מוֹיל אריַין, מעֶג עֶר זִיך שׁוֹין אָבגעֶזעֶגנעֶן! פֿאַר מִיר אִין דִי אוֹיגעֶן, מאָלט איַיך, היִט מעֶן זִיך, נאָר אוּנטעֶר דִי אוֹיגעֶן האָבּ אִיךְ עֶטלִיכֿעֶ מאָל געֶהעֶרט אַזעֶלכֿעֶ ווערטעֶר, אַז אִיך האָבּ מִיךְ אָנגעֶהוֹיבּעֶן צוּקוּקעֶן, שטאַרק צוּקוּקעֶן, חאַפּעֶן ווערטעֶר, טאַפּעֶן רעֵד אוּנ — לְמַאי זאָל אִיך זאָגעֶן? — אִיך האָבּ נִישט אַרוֹיסגעֶזעֶהעֶן גאָר נִישט לַהֲלוּטִין גאָר נִישט, בִּלְתִּי איַין זאַך האָבּ אִיך אַרוֹיסגעֶזעֶהעֶן, וואָס אַז עֶר קוּמט צוּגעֵהן, וועֶרט זִי גאָר אַנ'אַנדעֶר מעֶנטש, מִיט אַנ'אַנדעֶר פָּנִים, מִיט אַנדעֶרעֶ אוֹיגעֶן, דאָס היַיסט דעֶר מעֶנטש אִיז דעֶר זעֶלבּעֶר מעֶנטש, מִיט'ן זעֶלבִּיגעֶן פָּנִים, מִיט דִי זעֶלבִּיגעֶ אוֹיגעֶן, נאָר דעֶר קוּק אִיז אַנ'אַנדעֶרעֶר. אִיהר פֿאַרשטעֵהט? ס'אִיז גאָר אַנ'אַנדעֶר קוּק מִיט אַנ'אַנדעֶר גלאַנץ! אִיהר מיַינט, אִיך בִּין נִישט קיַין בַּעֲלָן געֶוועֶן אֶפְשַׁר אַ פֿרעֶג טהוּן זִי: „זאָג מִיר נאָר, וואָס אִיז דִי מַעֲשֶׂה, נְשָׁמָה מיַינעֶ, וואָס אַז עֶר קוּמט צוּגעֵהן, וועֶרסט דוּ גאָר אַנ'אַנדעֶר מעֶנטש?" טרעֶפֿט, וואָס זִי האָט מִיר דעֶרוֹיף געֶעֶנטפֿעֶרט? זִי האָט זִיך צוּלאַכֿט מִיט אַזאַ מִין חאַ-חאַ-חאַ, אַז אִיך האָבּ געֶמיַינט אִיך וועֶל מִיךְ בּאַגראָבעֶן אַ לעֶבּעֶדִיגעֶר, אוּנ טאַקִי בּאַלד נאָכֿ'ן גרוֹיסעֶן געֶלעֶכֿטעֶר, האָט זִי זִיך אַריַין געֶוואָרפֿעֶן אִין בּעֶט אריַין מִיט אַזאַ מִין יְלָלָה, אַז ס'אִיז געֶקוּמעֶן צוּלוֹיפֿעֶן דִי שוויִגעֶר מִיט'ן טעֶרקִישעֶן שאַל אוּנ האָט זִי געֶנוּמעֶן מִינטעֶרעֶן. אוּנ בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה האָט זִי אוֹיסגעֶלייַיעֶנט אִיהר בִּיסעֶל תְּחִינוֹת, אוּנ דעֶר שוועֶהר האָט געֶחאַפּט דאָס פֿאַיעֶטאָנדעֶל אוּנ געֶשִׁיקט נאָכֿ'ן דאָקטאָר, טאַקִי מִיך אַלייַן; אוּנ אַז דעֶר דאָקטאָר אִיז געֶקוּמעֶן, אִיז אִיהר דִי רֶגַע געֶוואָרעֶן גרִינגעֶר, ס'אִיז אִיהר אַריַין דִי פֿאַרבּ אִין פָּנִים, אוּנ דִי אוֹיגעֶן האָבעֶן אִיהר אָנגעֶהוֹיבּעֶן גלאַנצעֶן, ווִי

בּרִילִיאַנטעַן אַקעֶגעֶן דעֶר זונן... אונ שטעֶלט איַיך פאָר די שעֶנעֶ לאַגעֶ מיַינעֶ, אַז איך בּעֶדאַרף צוּ איהם אַריַינקוּמעֶן אִין שטוּבּ אַריַין איז, מעֶגט איהר מִיר זיכער גלויבּעֶן, גליַיך ווי אויף יעֶנעֶר וועֶלט, אין גיהִנָם אַריַינצוּגעֶהן בּעֶדאַרף זיַין אַסך מעֶהר נִיחָא! היַינט אָנקוּקעֶן דאָס פּנים זיַינס, אַנ'איַידעֶל פֶּנִימעֶל! רויט ווי אַ צוויק, אַזש בּלוּיעֶלעֶך, אונ יעֶדעֶר פּרישטש, יעֶדעֶר פּרישטש, בּאַזעֶצט מִיט פּרישטשעֶס! אונ האָט אַ טֶבַע שמייכלעֶן, שמייכעֶלט ווי אַ פֶּגֶר אומגעֶוואַשעֶן, צי מעֶן דאַרף צי מעֶן דאַרף נִיט, — עֶר שמייכעֶלט! שטעֶנדיג געֶשמייכעֶלט, אונ צוּ איטליכעֶן בּעֶזוּנדעֶר איז עֶר צוּגעֶלאָזט, אונ ווער שמוּעֶסט צוּ מִיר? צוּ מִיר איז עֶר תָּמִיד צוּקעֶרזיס אונ וויַיך, חאָטש לייג איהם צוּ צוּ אַ מַכָּה. זיַין גוּטסקייט צוּ מִיר האָט נִיט קיַין שִׁיעוּר אונ קיַין עֶרֶךְ! אַנוּמעֶלטעֶן בּין איך געֶוועֶן נִיט אין בּעֶסטעֶן געֶזוּנד, געֶהאַט די היַינט-מאָדישעֶ קרייַנק, די אינפלוּענצעֶ, וואָלט איהר בּעֶדאַרפט זעֶהן, ווי דעֶר מעֶנטש האָט זיך דאָס אַוועֶקגעֶלעֶגט פאַר מִיר, עֶס איז מִיר אַזש געֶוועֶן איבּעֶר דעֶר טֶבַע! אונ מעֶרקווירדיג, וואָס מעֶהר עֶר איז צוּ מִיר גוּט, אַזוֹי מעֶהר (גאָט זאָל מִיך נִיט שטראָפעֶן), האָבּ איך איהם פייַנט, אָנקוּקעֶן קאָן איך איהם נִיט, וּבִפְרַט דעֶמאָלט ווען עֶר זיצט בּיי אונז אונ זיי קוּקעֶן זיך דוּרך מִיט איהר!... מִיר דאַכט זיך, אַז ווען איך קאָן איהם אָננעֶמעֶן פאַר'ן קאַרק אונ אַרויסוואַרפעֶן אין דרויסעֶן אַרויס, וואָלט מִיר צוּגעֶקוּמעֶן אַ שטיק געֶזוּנד! איך קאָן נִיט אַריבּעֶרטראָגעֶן זיַין קוּקעֶן, וואָס עֶר קוּקט אויף איהר, מִיט זיַין שמייכעֶל, וואָס עֶר שמייכעֶלט צוּ איהר. אונ איך האָבּ מִיר געֶגעֶבּעֶן דאָס וואָרט איין מאָל פאַר אַלעֶ מאָל, אַנ'עֶק לאָז דאָס האָבּעֶן! בּיז וואַנעֶן איז דעֶר שִׁיעוּר צוּ ליידעֶן בִּזְיוֹנוֹת? די גאַנצעֶ שטאָדט דאַרפט איהר וויסעֶן האָט שוין מִיט מִיר צוּטהוּן! קיַין

אַנדער עֵצָה איז פֿאַר מיר ניט פֿאַרהאַן—נאָר גט! קיין אַנדער מָבוֹא זעה איך גאָר ניט! אַי וואָס? אַ קַבְּלִית? אַ שווערע אַ גְבִיר? אַ בַּת־יְהִידָה? איבערהוֹנדערט יאָהר אין גאַנצען איהרס, מיינס הייסט דאָס? אַ שענע רייניע כַּפָּרָה! אֱלָאהֵי וואָס האָב איך געטהון פֿריהער? וואָס טהוען אַ סך אַנדערע יונגע לייט? ניטאָ קיין אַנדער פלאַן! ווי זאָגט איהר? אַ יאָ, ניטאָ קיין אַנדער פלאַן, אַ חוץ גט׳ן זיך?

---

דאָ האָט מיין פֿאַרשוין ווידער אַ מאָל איבערגעכאַפּט דעם אָטהעם, אויסגעווישט דאָס פָּנִים אוּנ געוואַרט אויף מיר, וואָס וועל איך זאָגען?

— איך ווייס? איך מיין אויך אַזוי, אַז ס׳איז ניטאָ פֿאַר אייך קיין אַנדער פלאַן, אַ חוץ גט׳ן זיך, וּבִפְרַט אַז איך זעה ניט אַרויס, אַז די ליעבע ביי אייך זאָל זיין אַזוי פֿלאַקערדיג, אוּנ קיין קינדער, הער איך. האָט איהר בְּמֵילָא נישט, אוּנ די שטאָדט רעדט, הייסט צו וואָס נוצט אייך דער גאַנצער מִסְחָר?

די גאַנצע צייט וואָס איך האָב גערעדט, האָט מיין פֿאַרשוין געדרעהט די רעדעלעך פֿוּנ׳ם וועלאָסיפּעדעל אוּנ געקוקט אויף מיר מיט זיינע שוואַרצע טיפֿע רַחֲמָנוּת־אויגען, אוּנ אַז איך האָב אויסגעלאָזט, האָט ער זיך צוגערוקט צו מיר נאָך נעהענטער אוּנ אָנגעהויבען מיט אַ זיפֿץ:

— איהר זאָגט ליעב האָבען? וואָס איז שַׁיָיךְ צוזאָגען, פֿיינט האָב איך זי ניט. פֿאַר וואָס זאָל איך זי פֿיינט האָבען? איך האָב זי בְּפֵירוּשׁ ליעב, ניין, טאַקי שטאַרק ליעב!... אוּנ וואָס איהר זאָגט די שטאָדט רעדט? לאָז זי רעדען פֿוּן פֿייער אוּנ פֿוּן וואַסער! מיך ברענט נאָר אויף איהם, אַ פֿייער ברענט

אין מיר! אויף איהם און אויף איהר! וואָס איז אויף איהר אַזאַ גְדוּלָה, אַז זי דערזועהט איהם? פאַר וואָס, זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווערט זי ניט רויט און פרעהליך אַז זי דער־זעהט מיך? מיט וואָס בין איך ערגער פון איהם? דערמיט וואָס ער איז אַ דאָקטאָר און איך ניט? מען זאָל מיך געווען לערנען אַזוי ווי איהם, וואָלט איך אֶפְשֶׁר אויך געווען אַ דאָקטאָר, און אֶפְּשַׁר נאָך אַ גרעסערער דאָקטאָר ווי ער, איהר מעגט מיר גלויבען בֶּנֶאֱמָנוּת, אַז אין די קליינע אוֹתִיוֹת, ווי איהר זעהט מיך, וועלען מיר זיך נאָך אויסגלייכען מיט איהם, און אויף לָשׁוֹן־קוֹדֶשׁ וועל איך איהם נאָך אֶפְּשַׁר פאַר־שטעקען אין גאַרטעל אויך! בין איך מיך אָבער מְיַשֵּׁב ווידער צוריק, וואָס האָב איך אייגענטליך אויף איהר אַזעלכעס דער־זעהען, וואָס איך זאָל איהר געבען גט? אַי דער נייער דאָקטאָר? וואָס וואָלט איך געטהון ס'זאָל זיין אויפ'ן אָרט פון דעם נייעם דאָקטאָר אַנ'אַנדער שוואַרץ יאָהר? און וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז אַ ווייבעל טאָר ניט זיין בעקאַנט מיט אַ דאָקטאָר? האָט איהר אייך איין מאָל אַוועק. וְהַשֵּׁנִית, וואָס וועט זיין פון מיר דער תַּכְלִית, ווען לְמָשָׁל איך גט זיך מיט איהר אָב? אַז אַליין דאַרפט איהר וויסען בין איך אַ יונגעל אַ יָתוֹם, אַנ'עלענדער, אָהן אַ קָרוֹב, אָהן אַ גוטען פריינד, געה ווער צוריק אַנ'אָרעם בָּחוּר און האָב חֲתוּנָה, הויב אָן נאָך אַמאָל, הייסט דאָס, אַלֶף־בֵּית? און פון וואַנען ווייס איך, אַז איך וועל מאַכען בעסער? טאָמער פאַל איך אַריין נאָך אין אַנ'ערגערען גֵיהִנֹם? ווי די מַעֲשֶׂה איז, דאָ ווייס איך שוין מיין צָרָה, און בין פאָרט, ווי זאָגט ער, קראָנפּרינץ. דעם נָגִידס איידעם, איבער הונדערט יאָהר איז דאָס פאָרט איהרס, מיינס הייסט דאָס... איהר פאַרשטעהט? וואָס וועל איך געהן מאַכען קאָמבינאַציעס, „שפּעגעלירען"? ס'איז דאָך ניט מעהר

ווי אַ שפּיעֶל, אַ לאָטעֶרייע, וואָס? ניט אַזוי? וואָס זאָגט איהר? ס'איז ניט קיין שפּיעֶל? ניט קיין לאָטעֶרייע?

— איך מיין — זאָג איך — אויך אַזוי, ס'איז אַ שפּיעֶל, אַ לאָטעֶרייע אַוַדַאי איז בעסעֶר שָׁלום איידעֶר גֶט'ן זיך.

איך בין זיך מְחַיֶה, וואָס עֶס האָט זיך אַזוי געֶמאַכט, אַז מיין עֵצָה קומט אויס מעֶהר אויף שָׁלום איידעֵר אויף גֶט, און איך מיין אַז איך בין שוין מיט איהם פאַרטיג. צום סוף חאַפּט עֶר דאָס וועֶלאָסיפּעֶדעֶל און רוקט זיך צו צו מיר גאַנץ נאָהענט און רעֶדט מיר גלייך אין פָּנים אַריין:

— שָׁלום? איהר זעֶנט אֶפְשַׁר געֶרעֶכט; איך דעֶרמאָהן מיך אָבעֶר אָן איהם, פאַרחאַפּט זאָל עֶר ווערעֶן, דעֶם דאָקטאָר, הייסט דאָס, מיט'ן פרישטשעֶוואַטעֶ פָּנים! דעֶר טאַטעֶ זיינעֶר, דעֶר קאַסאָקעֶ שניידעֶר, דאַרפט איהר וויסעֶן, געֶהט אַרום סאַי וְסאַי און פּויקט איבעֶרן שטאָדט, אַז דעֶם נָגִידס טעֶכטעֶריל האַלט ביי גֶט'ן זיך. איהר פאַרשטעֶהט אַ ניעֶדעֶריג־קייט פון אַ פאַלגעֶ? נעֶחאַי בי וואָלט עֶר חאָטש ניט געֶפּויקט! איז ווי באַלד מעֶן רעֶדט שוין דעֶרפון אין שטאָדט, הייסט וואָס האָב איך דאָ אָנצוּווערעֶן? ווי זאָגט מעֶן: דאָס שאַרבעֶן ווערט שוין שאַר־בעֶנדיגעֶר ניט ווערעֶן. כָּל־זְמַן עֶס איז נאָך געֶוועֶן בְּסוֹד, איז גאָר ניט, אַ קניפּ אין באַק די פאַרב זאָל שטעֶהן, אָבעֶר איצט אַז אַלעֶ רעֶדעֶן שוין וועגעֶן גֶט, איז שוין פון מיר אַליין דאַכט מיר אַ גראָבהייט, וואָס איך האַלט זיך, עֶס איז שוין קיין אַנדעֶר בְּרֵירָה נישט פאַרהאַן אַ חוץ גֶט. האַ? וואָס זאָגט איהר? נישט אַזוי?

— איך מיין — זאָג איך — אויך אַזוי, ווי באַלד אַלעֶ ווייסעֶן שוין און אַלעֶ רעֶדעֶן שוין וועגעֶן גֶט, איז דאָס פון אייך שוין גראָבלעֶך און איהר האָט שוין טאַקי קיין אַנדעֶר בְּרֵירָה ניט אַ חוץ גֶט.

— האַלט איהר הײַסט דאָס — מאַכט ער צו מיר און רוקט זיך צו מיט'ן בײַנקעל כּמְעַט אויף מיר — האַלט איהר הײַסט דאָס, אַז איך באַדאַרף איהר דורכאויס געבען גט? באַקלערט נאָר די זאַך אַקוראַט. לְמָשָׁל, איהר זענט דער רַב, און איך קום צו אײַך מיט מײַן ווײַב זיך גט'ן, און איהר טהוט מיך אַ פרעג: „זאָג מיר, יונגער מאַן, פאַר וואָס גֶטְסְט דו זיך מיט דײַן ווײַב?" וואָס קען איך אײַך דערויף ענטפערען פאַר אַ תְּשׁוּבָה? בְּאֲשֶׁר, וועל איך אײַך ענטפערען, זי קוקט אויפ'ן דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר קוקט אויף איהר, נו? האָט דאָס אַ טַעַם? פרעג איך אײַך: זאָל איך זיי געהן פאַרשטעלען די אויגען? און וואָס פאַר אַ פָּנִים וועל איך דעמאָלט האָבען פאַר דער וועלט? אַדְרַבָּה, זאָגט שוין איהר אַליין, גענומען און אָפּגעגעט אַ ווײַבעל אַ יְפַת־תּוֹאַר, אַ בַּת־יְחִידָה, אַ נָגִידים אַ קינד, איבער הונדערט יאָהר איגאַנצען איהרס, מײַנס הײַסט דאָס, וואָס? וואָס וועט זאָגען די וועלט? משוגע! האַ? וואָס? אֶפְשַׁר ניט אַזוי? אַ יאָ פריש און געזונד און משוגע?

— איך זאָג אויך אַזוי, פריש און געזונד און משוגע.

דאָ האָט מײַן פאַרשוין זיך צוגערוקט צו מיר שוין אַזוי נאָהענט, אַז אונזערע בײדענס פּים זענען אויסגעקומען אינ־אײַנעם ווי צונויפגעפלאָכטען, און אויפ'ן אָרט פונ'ם וועלאָסי־פעדעל, וואָס ער האָט דאָס ווײַטיֶרט, האָט ער צוגערוקט צו זיך דאָס טינטערעיל מײַנס. ... האָט אַ זיפּץ געטהון און ווידער געדרשעט:

— אײַך איז גרינג צו זאָגען אויף יענעם: פריש און געזונד און משוגע! איך וואָלט אָ בַּעֲלָן געווען וויסען, וואָס וואָלט איהר געטהון לְמָשָׁל, ווען עס טרעפט זיך מיט אײַך אַזאַ מַעֲשֶׂה? דאָס הײַסט, ווען איהר האָט אַ שווער אַ גראָבען יונג, אַ שוויגער מיט אַ טערקישער שאַל, וואָס זי האַלט

אִין אײַן װאָרטשען, אוּנ אַ װײַב, װאָס זאָל זײַן געזונד אוּנ שטאַרק, אוּנ זאָל זיך כְּסֵדֶר דאָקטאָרען, אוּנ די שטאָדט זאָל אוֹיף אײַך טײַטען מיט די פינגער: „אָן געהט ער, דער יוּנגער מאַן פוּן דער ציג!" מיר דאַכט, אַז איהר װאָלט אין מיטען האַלבע נאַכט זיך אוֹיפגעכאַפּט, אָפּגעגעט אוּנ אַנטלאָפען װאוּ דער שװאַרצער פּעפער װאַכסט. װאָס אֶפְשָׁר ניט אַזוֹי?

— איך מײן — זאָג איך — אוֹיך אַזוֹי, אַז איך װאָלט אין מיטען האַלבע נאַכט זיך אוֹיפגעכאַפּט, אָפּגעגעט אוּנ אַנטלאָפען װאוּ דער שװאַרצער פּעפער װאַכסט.

— אַוַדַאי איז אײַך גרינג צוּ זאָגען — מאַכט ער — אוֹיפגעכאַפּט, אָפּגעגעט אוּנ אַנטלאָפען װאוּ דער שװאַרצער פּעפער װאַכסט! גלאַט גערעדט „אַנטלאָפען"! װאָס אַנטלאָפען? װער אַנטלאָפען? װאוּהין אַנטלאָפען? אין דער ערד אַרײַן? אוּנ דאָס װאָס זי איז אַ בַּת־יְחִידָה... אײן־אוּנ־אײנציגע... איבערהוּנדערט יאָהר איינגאַנצען איהרס, מײַנס הײסט דאָס?... דאָס איז גאָרניט?... אוּנ גלאַט, װאָס האָב איך צוּ איהר, װאָס האָב איך צוּ איהר? ניין, זאָגט מיר, װאָס האָב איך צוּ איהר?

— איך מײן — זאָג איך — אוֹיך אַזוֹי: װאָס האָט איהר צוּ איהר?

— סטײַטש — זאָגט ער — נוּ, אוּנ דער דאָקטאָר? דעם דאָקטאָר האָט איהר פאַרגעסען?! כָּל־זְמַן איך זעה דעם דאָזיגען מַלְאַךְ־הַמָּוֶת פאַר די אױגען, קאָן איך זי ניט זעהען, קאָן איך אוֹיף איהר פָּנִים נישט קוקען!

— װי באַלד אַזוֹי, — זאָג איך, — מוּזט איהר זיך גט'ן.

— װאָס זשע, — זאָגט ער, — װעט זײַן דער תַּכְלִית? װאָס קאָן אַזאַ יוּנגערמאַן װי איך טהוּן בײַ הײַנטיגע ביטערע צײַטען? אַדְרַבָּה, זאָגט איהר! זײַט אַ ייד אַחָכָם!

— דאַרף מען זיך, — זאָג איך, — ניט גט'ן.
— ניט גט'ן? נו, און דער דאָקטאָר? כָּל־זְמַן ...
— דאַרף מען זיך גט'ן, — זאָג איך און וויל מאַכען אַנ'עק.
— גט'ן? וואָס זשע איז פֿאַר אַ תַּכְלִית? סטייטש...
— איז ניט גט'ן.
— נו, און דער דאָקטאָר?

* *

*

איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז אַזעלכעס געשעהן, עס האָט מיר אַ זעץ געטהון דאָס גאַנצע בלוט אין קאָפּ אַריין, ס'איז מיר פֿינסטער געוואָרען אין די אויגען, איך האָב אָנגע־חאַפּט מיין פּאַרשוין פֿאַר'ן גאָרגעל, איהם צוגעקוועטשט צו דער וואַנט און נישט מיט מיין קול געשריגען:

— גט'ן זי זאָלסט דו, מַמְזֵר! גט'ן זי!! גט'ן זי! גט'ן זי!!!........................................

........................................

אויף אונזער ביידענס געשריי האָט זיך צוגעלאָפען מיין גאַנץ הויזגעזינד. וואָס איז? וואָס איז דאָ געשעהען? — גאָר ניט! גאָר ניט! דערזעהען מיין טוידט פּנים און שפּיגעל, האָב איך זיך אַליין ניט דערקענט. און ביי מיין פּאַרשוין האָב איך נאָכדעם עטליכע מאָל געמוזט בעטען מְחִילָה, איהם געקוועטשט די האַנד, אָנגעזאָגט טויזענד מאָל ער, זאָל פֿאַר־געסען וואָס צווישען אונז איז פֿאָרגעקומען... עס מאַכט זיך אַמאָל, האָב איך איהם געזאָגט, אַז אַ מענש געהט אַרויס פֿון די כֵּלִים. מיין יונגערמאַן איז געווען אַביסעל מְבוּלְבָּל, ווי

צעמישט, מודה געווען, אַז אַ מענש איז ניט ביי זיך אין די הענד, עס מאַכט זיך אַ מענש געהט אַרויס פון די כּלים ... אונ מיט דעם זעלבען „באי־בּשלום”, וואָס ער איז אַריינגעקומען צו מיר, יוז ער אַרויסגעגאַנגען פון מיר, דאָס זעלבע בויגען זיך, די זעלבע עטליכע טריט צוריק, די זעלבע רעווערענסען, דאָס זעלבע רייבען מיט די הענד.

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, טאָמער האָב איך ביי אייך צוגענומען צייט, אונ אַ דאַנק פאַר דער עצה... אַ גרויסען דאַנק אייך אונ זייט געזונד!

— ניטאָ פאַר וואָס... פאָהרט געזונד.

☛ וויכטיג פאר אָווענד-שולען ☚

עס איז ערשיענען פון דרוק

# דער יידיש-לעהרער

פון מ. קרינסקי.

ערשטער טייל.

☛ פיערטע אויסגעבעסערטע אויסגאבע ☚

**פיבעל** — פאלשטענדיגער קורס צום ערלערנען לעזען און שרייבען יידיש און העברעאיש, מיט פיעל אילוסטראציעס.

**חרעסטאמאטיע** — פיעל ערצעהלונגען, בעשרייבונגען און לידער פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער, און נאָטען.

**בריעפענשטעלער** — מוסטערן פון אלערליי בריעף, וואס ווערען אפט בענוצט אין לעבען.

פרייז 40 קאפ. פארטא 8 קאפ.

פאר אבאָנענטען פון „ראָטאַנצייטונג" פריי פארטע.

פערלאג „ביכער-פאר-אלע", ווארשע, דלוגע 11. —טעלעפאן 87-90.

פון דער

# גראָסער ביבליאָטעק

איז שוין ערשיענען פאָלגענדע ביכער:

פּרייז

1) ראָבינזאָן קרוזאָ, פון דער לעצטער אויסגאבע (אילוסטרירט) . . . . . 75

2) אברהם רייזען: נייע ווערק, (ערצעהלונגען) . . 100

3) אברהם רייזען: ליעדער. . . . . . . . 100

4) שלום אש: ארץ ישראל. (ערצעהלונגען) . . 60

5) נח פרילוצקי: יידישע פאָלקסליעדער. . . 100

6) י. מ. וויסענבערג: שריפטען. . . . . . 100

7) דאָן קיכאָט. איבערזעצט פון ש. צ. זעצער . . 70

8) דער שווארצער ריטער, ל. שאפירא . . . 100

9) אלכסנדר קאפעל: ערצעהלונגען און סקיצען. 100

10) דוד קאסעל: שריפטען. . . . . . . . 80

11) יעקב שטיינבערג: שריפטען . . . . . . 100

12) ג. טשאָרני: שריפטען . . . . . . . . 80

---

די וואס שרייבען אויס די אלע דערמאָהנטע ביכער פאר אמאָל דירעקט דורכ'ן פערלאג, בעקומען 15% ראבאט און פרייע פאָרטע. זיך ווענדען נאָכ'ן אדרעס:

**Издат.** „Бихеръ-Фаръ-Алэ“, Варшава, Долгая 11.